אויף דעם שבת פון וועמען מ'קען זיך לערנען - לייגן זיך צוזאמען, און עס ווערט "קהל גדול ישובו הנה"[124], "קהל גדול" לשון יחיד (ניט קהילות גדולות), צוזאמען מיט יחידו של עולם, און מ'גייט אלע ארויס פון גלות אין דער גאולה האמיתית והשלימה צוזאמען מיט דער יחידה הכללית פון כלל ישראל - משיח צדקנו[125],

ובמהרה בימינו ממש.

* * *

כה. מאמר (כעין שיחה) ד"ה אם חפץ בנו ה' גו'.

* * *

כו. ס'איז אויך רגיל אפצולערנען אן ענין אין פרשת השבוע פארבונדן מיט פירוש רש"י; אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו; אין די שבתות הקיץ - אן ענין אין דעם פרק פון שבת זו, ווי דער אלטער רבי שרייבט בסידורו אז "יש נוהגין" צו לערנען פרקי אבות בכל שבתות הקיץ, און ווי מ'זעט כמה מאמרים פון זמן הקיץ וואס הויבן זיך אן מיט א משנה פון דעם פרק פון יענעם שבת; ולאחרונה - אן ענין אין דעם שיעור היומי ברמב"ם.

בנוגע צו פרש"י בפרשתנו איז דא א דבר תמוה לגמרי וואס דער בן חמש למקרא וועט זיכער פרעגן, ווייל דאס איז אן אויבנאויפיקע קשיא וואס ווארפט זיך אין די אויגן:

בריש הפרשה רופט אן רש"י די מרגלים - "רשעים" ("למה נסמכה פרשת מרגלים לפ' מרים לפי שלקתה על עסקי דבה שדברה באחי' ורשעים הללו ראו ולא לקחו מוסר").

א פסוק ווייטער (אויף די ווערטער "כולם אנשים") איז רש"י מפרש בנוגע די מרגלים: "כל אנשים שבמקרא ל' חשיבות, ואותה שעה כשרים היו".

ווי שטימען ביידע זאכן (אז זיי זיינען "רשעים" און "כשרים")? באווארנט עס רש"י דערמיט וואס ער שרייבט "אותה שעה כשרים היו", ד.ה. אז בתחלת השליחות כשרים היו, אבער שפעטער, לאחרי וואס זיי האבן חוטא געווען, זיינען זיי געווארן "רשעים"[126].

גלייך דערנאך, עה"פ[127] "ויקרא משה להושע בן נון יהושע",

---

124) ירמי' לא, ז. 125) סה"מ תרכ"ז ע' טז. סה"מ תרצ"ט ע' 207 (בשם הרמ"ז). 126) ראה גם רא"ם וגו"א ריש פרשתנו. 127) יג, טז.

הנחת הת' בלתי מוגה

איז רש"י מפרש: "התפלל עליו י-ה יושיעך מעצת מרגלים".

שטעלט זיך גלייך די אויבנאויפיקע קשיא:

"ויקרא משה להושע בן נון יהושע", "התפלל עליו י-ה יושיעך מעצת מרגלים" איז געווען פאר "וישלח אותם משה לתור את ארץ כנען גו' עלו זה בנגב גו'", ד.ה. אז דאס איז געווען ווען "באותה שעה כשרים היו", איידער זיי האבן עובר געווען אויפן חטא און געווארן "רשעים" - היינט פארוואס האט משה שוין דעמולט מתפלל געווען "י-ה יושיעך מעצת מרגלים", די מרגלים זיינען דאך דעמולט געווען כשרים, איז פארוואס האט יהושע געדארפט אנקומען צו א ישועה[128]?!

אלא וואס-דען: משה האט שוין בתחלת השליחות געהאט א חשש אז זיי וועלן מקלקל זיין (וואס דערפאר האט ער מתפלל געווען פאר יהושע'ן) - אויב אזוי, פארוואס האט ער זיי לכתחילה געשיקט[129]?! מוז מען זאגן, אז "באותה שעה כשרים היו" אויך לדעת משה, ווערט די שאלה: פארוואס האט ער דעמולט מתפלל געווען פאר יהושע'ן?!

כז. נאך א קשיא בפרש"י - א קלאץ קשיא:

רש"י נוצט דעם לשון "מרגלים" כו"כ פעמים בפירושו בפרשתנו. פון וואנעט נעמט ער דעם לשון - אין פסוק שטייט עס ניט אפילו קיין איין מאל?!

אמת טאקע, אזוי שטייט אין גמרא ומדרשי חז"ל, אבער כמדובר כמ"פ, ענינו פון פרש"י על התורה איז פשוטו של מקרא - איז פון וואנעט נעמט רש"י בפשוטו של מקרא אז זיי זיינען געווען "מרגלים"?! רש"י האט זיי געדארפט אנרופן "תרים" - מלשון "לתור את הארץ"[130], וכיו"ב, אבער וואו נעמט ער דעם נאמען "מרגלים".

אין דער הפטורה פון דער פרשה שטייט טאקע[131] "וישלח יהושע בן נון גו' שנים אנשים מרגלים" - אבער:

ווען דער בן חמש למקרא לערנט פ' שלח דעם ערשטן מאל, לערנט ער נאך ניט די הפטורה. ווי דער סדר איז אין חדר, עכ"פ ווי ס'איז געווען אין מיין חדר, אז מ'האט געלערנט די פרשה אן דער הפטורה.

---

128) ראה גם שפ"ח כאן (ממהר"ן). לקו"ש ח"ב ס"ע 326 ואילך. 129) ראה גם מושב זקנים (מרבעה"ת) כאן. לקו"ש שם. 130) פרשתנו יג, יז. 131) יהושע ב, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

און אפילו לויט דעם מנהג[132], אז אויך א קטן קען עולה זיין למפטיר און זאגן די הפטורה – איז אבער לויט מנהג החסידים פירט מען זיך ניט אזוי, חוץ פון א מקרה יוצא מן הכלל.

ועוד ועיקר: אפילו אויב דער קינד האט געלערנט די הפטורה און ווייסט אז דארטן שטייט דער לשון "מרגלים" – איז דערפון א ראי' להיפך: וויבאלד אז אין דער פרשה שטייט ניט דער לשון "מרגלים" און דוקא אין דער הפטורה שטייט עס – איז א ראי' אז דוקא אין דער הפטורה זיינען זיי "מרגלים" משא"כ אין דער פרשה, היינט ווי רופט זיי אן רש"י אין דער פרשה בשם "מרגלים"?!

און די אלע דיוקים דארפן זיין פארשטאנדיק בפשוטו של מקרא פאר א בן חמש למקרא, ניט אנקומענדיק צו מפרשי רש"י, ובפרט אז די מפרשים פארענטפערן ניט די שאלות.

וכפי שיתבאר לקמן.

כח. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר פון פרשתנו שטעלט ער זיך[133] אויף דעם וואס אין זהר פרשתנו[134] איז דער סדר "כרובים וארון", "כמ"ש בפ' תרומה[135] ונועדתי לך שם כו' מעל הכפרת מבין שני הכרובים אשר על ארון העדות", פריער כרובים דערנאך ארון, משא"כ "בסוף פ' נשא[136] כתיב מעל הכפרת אשר על ארון העדות מבין שני הכרובים", פריער ארון דערנאך כרובים.

און ער איז מבאר, אז כרובים איז בחי' בנים, כמאחז"ל[137] אז כרובים מיינט "כרביא", און ארון (בחי' חכמה) איז בחי' אב. "בפ' תרומה כתיב ונועדתי לך שם כו' שהוא מה שהקב"ה אומר, ובפ' נשא כתיב ובבוא משה לדבר שההתחלה הוא מצד משה. הנה הקב"ה מקדים הכרובים שהם הבנים להארון שהוא הקב"ה, ומצד משה הוא בהיפך שמקדים הארון האב שהוא הקב"ה ואח"כ הכרובים הבנים, כי הקב"ה חפץ ומדקדק על כבודן של ישראל יותר מכבודו כו' ומשה בהיפך מדקדק על כבודו של הקב"ה יותר מכבודן של ישראל"[138].

ער איז אבער ניט מבאר די הוראה דערפון אין עבודת האדם, וכפי שיתבאר לקמן.

כט. דער פרק פון היינטיקן שבת (מברכים תמוז) איז פרק שלישי.

וי"ל אז דאס איז בדיוק: פון זמן מתן תורתנו (ו' וז'

---

132) טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח סרפ"ד ס"ד (ס"ח). וראה אנציקלופדי' תלמודית ערך הפטרה. וש"נ. 133) לקוטי לוי"צ פרשתנו ס"ע שעה ואילך. 134) קסא, ב. 135) כה, כב. 136) ז, פט. 137) סוכה ה, ב. חגיגה יג, ב. 138) להעיר גם מתנחומא מטות ג. במדב"ר פכ"א, ב.

לג. דער ביאור בפרש"י - ובהקדים נאך א קשיא:

דער לשון וואס רש"י נוצט אויפן חטא המרגלים איז "(התפלל עליו י-ה יושיעך מ)עצת המרגלים" - א לשון בלתי רגיל כלל, און נאכמער: אין פסוק שטייט ערגעץ ניט אויף די מרגלים דער לשון "עצה", עס שטייט אז זייער חטא איז באשטאנען פון "ויוציאו דיבת הארץ", אבער ניט אן ענין של "עצה", היינט פון וואנעט נעמט רש"י אז דאס איז געווען "עצת המרגלים", ער האט געדארפט שרייבן "דיבת המרגלים" וכיו"ב?

נאך א קשיא - און א קלאץ קשיא (וואס כרגיל שטעלט מען זיך אויף איר ניט אפ):

משה האט אנגעזאגט די מרגלים אז נוסף לזה וואס זיי זאלן באקוקן ארץ ישראל, זאל זיין "והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ"*[162], זיי זאלן צוריקברענגען פון פרי הארץ.

וואס האט פאסירט בפועל: דוקא די עשר מרגלים וואס האבן חוטא געווען האבן צוריקגעבראכט פירות, משא"כ כלב ויהושע, וואס האבן זיך געפירט כדבעי, האבן ניט געפאלגט משה רבינו און ניט צוריקגעבראכט קיינע פירות!

מ'קען ניט ענטפערן, אז זיי האבן ניט געבראכט די פירות ווייל דאס האט געגעבן אן ארט אויף דיבת הארץ ווי די עשר מרגלים האבן דאס טאקע אויסגענוצט לרעה - ווייל דעמולט וואלט דאך משה ניט אנגעזאגט "ולקחתם מפרי הארץ", ס'איז דאך ניט שייך זאגן אז בכדי מקיים זיין ציווי משה "ולקחתם מפרי הארץ" האט מען ניט קיין ברירה און מ'מוז דאס אויסנוצן לרעה, זיכער קען מען דאס אויסנוצן לטובה. האבן כלב ויהושע געדארפט מקיים זיין ציווי משה און ברענגען פירות און דאס אויסנוצן לטובה!

לד. איז דער ביאור בכל זה:

פריער אין פ' מקץ האט דער בן חמש למקרא געלערנט, אז ווען אחי יוסף זיינען געקומען קיין מצרים בכדי שאפן עסן, האבן זיי דערציילט יוסף'ן אז זיי זיינען געקומען "מארץ כנען לשבר אוכל"[163], האט זיי יוסף געזאגט[164] (און איבערגע'חזר'ט כמה פעמים) "מרגלים אתם לראות את ערות הארץ באתם".

דערפון פארשטייט דער בן חמש אז דער ענין פון א מרגל איז, אז ער זאגט איין זאך און מיינט א צווייטע זאך. די שבטים (לדעת

---

*162) פרשתנו יג, כ. 163) מקץ מב, ח. 164) שם, ט; יד; טז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

יוסף) האבן געזאגט איין זאך, אז זיי זיינען געקומען "לשבר אוכל", און זיי טראכטן א צווייטע זאך - "לראות את ערות הארץ באתם".

ועפ"ז איז מובן אז בא מרגלים איז מתאים דער לשון "עצה" ("עצת מרגלים"): בשעת א זאך שטייט בגלוי איז דאס ניט קיין עצה. ווען איז שייך אן עצה (א פלאן) - "עוצו עצה"[165] - ווען ער זאגט איין זאך און דערביי ליגט באהאלטן א צווייטע כוונה וואס ער איז מעלים.

לה. עפ"ז וועט מען פארשטיין פון וואנעט נעמט רש"י דער לשון "עצת מרגלים" (סיי דער לשון "עצה" און סיי דער לשון "מרגלים") אע"פ וואס בײדע לשונות שטייען ניט אין פסוק בפירוש:

בשעת דער בן חמש לערנט די פרשה קען ביי אים נתעורר ווערן א קלאץ קשיא: אין וואס איז באשטאנען דער חטא המרגלים וואס דערפאר זיינען זיי נענש געווארן - זיי האבן לכאורה בלויז מקיים געווען ציווי משה צו באקוקן דאס לאנד "החזק הוא הרפה המעט הוא אם רב, ומה הארץ אשר הוא יושב בה הטובה היא אם רעה ומה הערים אשר הוא יושב בהנה הבמחנים אם במבצרים גו'"[166], און ברענגען פירות, און דערציילן וואס זיי האבן געזען,

וכך הוה, זיי האבן זיך אומגעקערט און דערציילט וואס זיי האבן געזען, און באוויזן די פירות: "ויספרו לו ויאמרו באנו אל הארץ אשר שלחתנו וגם זבת חלב ודבש היא וזה פרי', אפס כי עז העם היושב בארץ והערים בצורות גדולות מאד גו' עמלק יושב בארץ גו'"[167];

און אפילו דאס וואס זיי האבן געזאגט "ארץ אוכלת יושבי'" ("בכל מקום שעברנו מצאנום קוברי מתים")[168], האבן זיי טאקע אזוי געזען, וע"פ פשש"מ האבן זיי לאו דוקא געוואוסט כוונת הקב"ה בזה ("הקב"ה עשה לטובה כדי לטרדם באבלם ולא יתנו לב לאלו"[169]), און אפילו אויב זיי האבן געוואוסט, זיינען זיי ניט געווען מחוייב וועגן דעם דערציילן -

היינט אין וואס איז באשטאנען זייער חטא?

דעריבער איז רש"י מפרש, אז זיי זיינען געווען "מרגלים", און זיי האבן געהאט אן "עצה" ("עצת מרגלים"), ווי רש"י איז מפרש כמ"פ אין די פרשה[170], און רש"י פארלאזט זיך אז דער בן חמש

---

165) ישעי' ח, י. 166) פרשתנו שם, יח-יט. 167) שם, כז-כט. 168) שם, לב ובפרש"י. 169) פרש"י שם. 170) שם, טז; כב; כג.

ווייסט שוין פון פ' מקץ וואס דאס מיינט: אז אע"פ וואס די מרגלים זאגן לכאורה דאס וואס משה האט זיי געהייסן אויסגעפינען, זיי זאגן איין זאך, מיינען זיי דערביי אבער א צווייטע זאך, ד.ה. אז זיי האבן דערביי אן עצה, א כוונה נעלמה, אז מ'זאל ניט עולה זיין אין ארץ ישראל, און ווי רש"י איז מפרש[171] די כוונה נעלמה (די עצה) וואס די מרגלים האבן געהאט אין יעדער זאך וואס זיי האבן געזאגט, אפילו אין די דברים טובים וועגן ארץ ישראל.

און אין דעם איז באשטאנען זייער חטא, אז זיי האבן אריינגעמישט אין זייער שליחות א צווייטע כוונה (עצה).

וואס דאס איז ע"ד - אבער מיט א הוספה - ווי מ'האט אמאל מסביר געווען דעם ענין:

מ'האט מסביר געווען[172] אז דער חטא המרגלים איז באשטאנען אין דעם וואס זיי האבן ניט בלויז דערציילט וואס זיי האבן געזען (וואס דאס אליין איז ניט קיין חטא), נאר זיי האבן אויך צוגעגעבן זייער דיעה ומסקנא ווי מ'זאל זיך פירן: "לא נוכל לעלות"[173] - דערצייל וואס דו האסט געזען, ווער בעט דיר זיך מישן מיט די אייגענע דיעות.

אבער די אייגענע דיעה ("לא נוכל לעלות") האבן די מרגלים ערשט געזאגט לאחרי ווי "ויהס כלב גו' ויאמר עלה נעלה גו'"[174], משא"כ לפנ"ז האבן זיי לכאורה נאר דערציילט וואס זיי האבן געזען (און דערביי ניט צוגעגעבן די אייגענע דיעות).

לויט דעם ביאור הנ"ל בפרש"י איז פארשטאנדיק אז אויך לפנ"ז (לפני וואס זיי האבן געזאגט "לא נוכל לעלות") האבן זיי חוטא געווען - ווייל זיי זיינען געווען "מרגלים" און אפילו ווען זיי האבן לכאורה נאר דערציילט וואס זיי האבן געזען, האבן זיי אין דעם געהאט אן עצה, א צווייטע כוונה נעלמה, אז "לא נוכל לעלות" (ווי זיי האבן שפעטער בפירוש געזאגט).

לו. וועפ"ז וועט מען פארשטיין דאס וואס משה "התפלל עליו י-ה יושיעך מעצת מרגלים" אע"פ וואס "אותה שעה כשרים היו":

ע"פ הנ"ל איז פארשטאנדיק אז דער עצם ענין פון "עצת מרגלים" איז קיין סתירה ניט לזה אז כשרים היו - ווייל אויך א צדיק גמור קען זיין א מרגל טוב וואס האט א עצה טובה (א כוונה טובה וואס ער איז ניט מגלה) אין דעם וואס ער טוט. ער זאגט טאקע

---

171) פרשתנו יג, כז ואילך. 172) ראה לקו"ש חי"ג ע' 39 ואילך. וראה לקו"ש ח"ד ס"ע 1313 ואילך. 173) פרשתנו שם, לא. 174) שם, ל.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

איין זאך און האט דערביי א באהאלטענע עצה - אבער דאס איז אן עצה טובה.

ווי די מרגלים פון יהושע - וואס זיי ווערן אנגערופן אין פסוק בשם "מרגלים" און זיי זיינען געווען מרגלים טובים.

אבער בנדו"ד האט משה זיי געגעבן דער שליחות נאר צו איבערגעבן וואס טוט זיך אין ארץ ישראל, און ניט אריינמישן אייגענע זייטיקע עצות.

דעריבער האט משה מתפלל געווען אויף יהושע'ן "י-ה יושיעך מעצת מרגלים" אע"פ וואס "אותה שעה כשרים היו" - (ניט ווייל די מרגלים זיינען ניט כשרים, נאר) ווייל אע"פ וואס זיי זיינען כשרים האט משה געזען בטבע ובתכונת נפשם אז זיי זיינען שייך צו זוכן "עצות" אין דעם וואס זיי טוען, ד.ה. האבן דערביי באהאלטענע כוונות, ניט דוקא עצות רעות, נאר אפילו עצות טובות,

דערפאר האט ער מתפלל געווען אויף יהושע'ן "י-ה יושיעך מעצת מרגלים", אז ער זאל מקיים זיין די שליחות און טאן נאר וואס דער משלח זאגט אן און ניט זוכן און אריינמישן קיין שום עצות, ד.ה. אנדערע זאכן וואס זיינען ניט געגעבן געווארן אין דער שליחות, אפילו גוטע זאכן, אבער ניט דאס איז דער שליחות. און בשעת א שליח איז משנה משליחותו דורך אריינמישן עצות (ד.ה. זאכן וואס אויף דעם האט דער משלח אים ניט געשיקט), אפילו גוטע עצות, איז דער דין[175], און אזוי איז אויך מובן בפשטות בפשש"מ, אז ער ווערט אויס שליח. אויב ער איז סתם מוסיף נאך זאכן בהוספה אויף שליחותו - איז דא א שקו"ט[176] צי ער ווערט אויס שליח, אבער אויב ער איז מוסיף אין אן אופן אז זיין שליחות ווערט א טפל צו די הוספה - ווערט ער אויס שליח.

אמת טאקע, עס קען זיין אז ער איז א צדיק גמור און זיינע עצות זיינען עצות טובות ומועילות וכו' - אבער ניט אויף דעם האט מען אים געשיקט באזוכן ארץ ישראל, במילא קען ער בלייבן א צדיק גמור אבער א שליח (בענין זה) איז ער ניט.

און דאס האט משה מתפלל געווען - "י-ה יושיעך מעצת מרגלים", אז ער זאל בלייבן א שליח דורך דעם וואס ער פירט אויס די שליחות כמו שהוא אן אריינמישן אנדערע זאכן (עצות).

ווי ס'האט זיך אויסגעוויזן בפועל, כנ"ל, אז אע"פ וואס

---

175) ראה רמב"ם הל' שלוחין פ"א ה"ב ואילך. שו"ע חו"מ סקפ"ב ס"ב ואילך. 176) כתובות צח, ב ואילך. מעילה כ, סע"ב. רמב"ם שם ה"ד. שו"ע שם ס"ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

בחיצוניות האבן זיי לכאורה נאר דערציילט דער אמת וואס זיי האבן געזען אין ארץ ישראל, איז אבער אין דעם געלעגן א באהאלטענע עצה וכוונה, אז "לא נוכל לעלות", וואס דערפאר, אפילו אויב דאס איז אן עצה טובה וואס קומט מצד דעם וואס כשרים היו, איז אבער וויבאלד אז זיי זיינען משנה משליחותם דורך האבן אין דעם אייגענע עצות (אפילו עצות טובות), ווערן זיי אויס שלוחים.

לז. לפי"ז דארף מען נאך אבער פארשטיין: ווי קען מען זאגן אז אע"פ וואס די מרגלים האבן געהאט א באהאלטענע עצה אז "לא נוכל לעלות" זיינען זיי געווען "כשרים" (ווייל דאס קען זיין אן עצה טובה פון א צדיק גמור), און זייער איינציקער חסרון איז געווען וואס זיי האבן משנה געווען משליחותם - ווען דער אויבערשטער האט בפירוש פריער אנגעזאגט און מבטיח געווען אז אידן זאלן און וועלן יע עולה זיין אין ארץ ישראל, במילא קומט אויס אז מיט זאגן "לא נוכל לעלות" האבן די מרגלים געזאגט היפך פון רצון ה'?!

האט דאס רש"י שוין פריער באווארנט:

אין פ' וישלח[177] איז רש"י מפרש אז יעקב "התקין עצמו (צו זיך אפהיטן פון עשו'ן) לשלשה דברים, לדורון לתפלה ולמלחמה כו'". שטעלט זיך די שאלה: וויבאלד אז יעקב האט מתפלל געווען לה' (לתפלה) "אלקי אבי אברהם וגו' ואתה אמרת היטב איטיב עמך גו'"[178] - היינט פארוואס האט ער זיך צוגעגרייט אויך לדורון ולמלחמה, ביז אז ער האט צוטיילט זיין מחנה בפועל "אם יבוא עשו אל המחנה האחת והכהו והי' המחנה הנשאר לפליטה"[179] - צי דען האט ער זיך ניט פארלאזט אויף הבטחת הקב"ה און אויף תפלתו לה' "ואתה אמרת הטיב איטיב עמך גו'"?!

פארענטפערט עס רש"י בפירושו על התורה שם[180]: יעקב האט געזאגט בתפלתו "קטנתי מכל החסדים", ופרש"י: "נתמעטו זכיותי ע"י החסדים והאמת שעשית עמי לכך אני ירא שמא משהבטחתני נתלכלכתי בחטא ויגרום לי להמסר ביד עשו".

ועפ"ז איז מובן אז דאס וואס יעקב האט זיך אויך צוגעגרייט צו דורון ומלחמה (און זיך ניט פארלאזט אויף די הבטחה אליין) איז געקומען ניט מצד חלישות באמונה ח"ו, נאר אדרבה - מצד זיין צדקות וביטול וענוות, "שמא משהבטחתני נתכלכלתי בחטא ויגרום לי להמסר ביד עשו".

עד"ז קען מען אויך מסביר זיין די סברא פון די מרגלים מיט זאגן "לא נוכל לעלות" אע"פ וואס דער אויבערשטער האט מבטיח

---

177) לב, ט. 178) שם, י-יג. 179) וישלח שם, ט. 180) פסוק יא.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

געוועו אז מ'וועט עולה זיין אין ארץ ישראל:

די מרגלים האבן זיך אפגעלערנט במכ"ש וק"ו פון יעקב אבינו: מה-דאך אז יעקב אבינו האט מורא געהאט בלויז מצד א ספק "שמא משהבטחתני נתלכלכתי בחטא", ואעפ"כ מצד זיין ביטול וצדקות האט דאס ביי אים מעורר געווען א ספק צי הבטחת הקב"ה וועט אים איצטער העלפן;

עאכו"כ - האבן די מרגלים געטראכט - איצטער, וואס ס'איז א וודאי אז אידן האבן חוטא געווען, בחטא העגל, מיט נאך חטאים מבהילים, און דער אויבערשטער האט געזאגט "וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם" - דארף מען זיכער מורא האבן, אז אע"פ וואס דער אויבערשטער האט טאקע מבטיח געווען אז מ'וועט גיין אין ארץ ישראל, שמא יגרום די חטאים בפועל אז איצטער וועט די הבטחה ניט העלפן, און דעריבער איז א סכנה צו גיין אין ארץ ישראל, ווארום ס'איז "ארץ אוכלת יושבי'" [כאמור לעיל, אז ע"פ פשש"מ האבן זיי ניט כוונת הקב"ה בזה] וכו' (מיט אלע זייערע טענות), און וויבאלד אז דאס רעדט זיך וועגן פקו"נ, און ניט פון איין איד, נאר פון ששים ריבוא מישראל - דעריבער האבן די מרגלים גע'טענה'ט אז מ'זאל ניט עולה זיין לארץ ישראל!

קומט אויס אז די טענה פון די מרגלים "לא נוכל לעלות" איז ניט נאר קיין סתירה ניט צו "כשרים היו", נאר אדרבה: דוקא מצד זייער כשרות וצדקות וביטול (בדוגמא ווי ביטול יעקב אבינו) האבן זיי געטראכט אז שמא יגרום החטא אז איצטער וועט הבטחת הקב"ה ניט העלפן.

אַי וואס וועט פאַרט זיין מיט הבטחת הקב"ה אז מ'וועט גיין אין ארץ ישראל? האבן די מרגלים געטראכט, אז דאס וועט טאקע מקויים ווערן שפעטער, אבער פריער דארפן אידן בלייבן אין מדבר און דארטן לערנען תורה און תשובה טאן אויף די חטאים, ביז אז דער אויבערשטער וועט מבטיח זיין אז ס'איז בטל געווארן דער "וביום פקדי ופקדתי גו'" וואס איז געקומען אלס תוצאה פון חטא העגל, און דער אויבערשטער וועט געבן א צווייטע נייע הבטחה אז איצטער קען מען אריינגיין אין ארץ ישראל - וועט מען דעמולט אריינגיין אין ארץ ישראל.

וע"פ הנ"ל זיינען מובן די דיוקים הנ"ל ועוד דיוקים בפרש"י, און דוקא ע"פ פשוטו של מקרא פאר א בן חמש למקרא, וואס דאס איז ענינו פון פרש"י. כמובן אז פרש"י איז אויך פאר עלטערע, אבער לכל לראש איז דאס פשש"מ אפילו פאר א בן חמש למקרא.

הנחת הת' בלתי מוגה